# דער "קאָפּ" פון יאָר

"ר אש השנה" מיינט – דער קאָפּ פון יאָר.

ווי עס ווערט ערקלערטי, אַז פונקט ווי דער קאָפּ פון אַ מענטשן פירט אָן מיט דעם גאַנצן קערפּער, און די גאַנצע אויפפירונג פון מענטשן – אַלע זיינע מעשים, רייד און מחשבות – זיינען אָפּהענגיק אין קאָפּ, אַז לויט וואָס ער פּילט און באַשליסט אין זיין קאָפּ, אַזוי פּינקטלעך פירן זיך אַלע זיינע אברים,

איז דאָס זעלבע אמת בנוגע דעם טאָג פון ראש השנה – וואָס איז ענלעך צו דעם קאָפּ און אַלע טעג פון יאָר זיינען ווי די אברים פון גוף: די אויפפירונג פון אידן במשך דעם גאַנצן יאָר איז אָפּהענגיק אין די גוטע באַשלוסן וואָס מען נעמט אָן אין דעם טאָג פון ראש השנה.

> די אויפפירונג פון אידן במשך דעם גאַנצן יאָר איז אָפּהענגיק אין די גוטע באַשלוסן וואָס מען נעמט אָן אין דעם טאָג פון ראש השנה

דער אויבנדערמאָנטער ענין וועגן ראש השנה האָט אַ ספּעציעלע שייכות מיט "צבאות השם":

די סאָלדאַטן פון "צבאות השם" – דעם אויבערשטנ'ס אַרמיי – זיינען ענלעך צו דעם "ראש", דעם קאָפּ פון דער גאַנצער וועלט!

די גאַנצע באַשעפעניקונג פון סאָלדאַטן אין דעם אויבערשטנ'ס אַרמיי איז דאָך נאָר צו פירן זיך לויטן רצון פון דעם אויבערשטן, דער קאָמענדער-אין-טשיף, און צו זיין אמתע גוטע סאָלדאַטן.

דער קאָמענדער-אין-טשיף, דער אויבערשטער, איז דאָך דער געוועלטיקער און אָנפירער – דער קאָפּ – פון דער גאַנצער וועלט. און דעריבער איז אויך די אויפגאַבע פון "צבאות השם" – דעם אויבערשטנ'ס אַרמיי – צו אַנטפּלעקן די פירערשאַפט

פון דעם אויבערשטן אין דער גאַנצער וועלט!

עס איז ניט גענוג וואָס אידישע קינדער פון "צבאות השם" קעמפן קעגן דעם אייגענעם יצר הרע – נאָר זיי דאַרפן אינגאַנצן אָוועקטרייבן דעם יצר הרע פון דער גאַנצער וועלט, ביז עס בלייבט ניט איבער קיין שיריים פון דעם יצר הרע, ובמילא פירט זיך די גאַנצע וועלט לויטן רצון פון דעם יצר טוב, וואָס דאָס איז דער רצון פון דעם אויבערשטן.

אידישע קינדער פון "צבאות השם" זיינען ענלעך צו אַ "קאָפ", - זיי זיינען דעם אויבערשטנ'ס סאָלדאַטן וועלכע אנטפלעקן די מלכות פון אויבערשטן אין דער גאַנצער וועלט

און דאָס טוען אויף די קינדער פון "צבאות השם" דורך דעם וואָס זיי ווירקן אויף זייערע ברידער און שוועסטער און דער גאַנצער שטוב, ביז אויף דער גאַנצער וועלט – דורך זיין אַ "לעבעדיקער בייספּיל" פון דעם אויבערשטנ'ס אַ סאָלדאַט. בשעת מען קוקט זיך צו אויף אים, דערקענט מען גלייך ווער ס'איז זיין קאָמענדער-אין-טשיף.

קומט אויס, אַז די עצם מציאות פון אַ גוטן סאָלדאַט אין "צבאות השם" מאַכט וויסן דעם אויבערשטנ'ס נאָמען אין דער גאַנצער סביבה, און דאָס ערוועקט אַ געפיל פון כבוד צו דעם סאָלדאַט און זיין "מישאָן", און צו זיין קאָמענדער-אין-טשיף – דעם אויבערשטן.

און טראָץ דעם וואָס עס רעדט זיך וועגן קליינע קינדער, זאָל מען זיך ניט שרעקן פון אַזאַ גרויסע שליחות, צו אויפטאָן אין דער גאַנצער וועלט – ווייל דאָס זיינען ניט סתם קינדער, נאָר אַזעלכע וואָס דער אויבערשטער אַליין האָט זיי אויסגעקליבן און אריינגענומען אין זיין אַרמיי!

און וויבאַלד אַז דער אויבערשטער איז דער באַשעפער פון דער גאַנצער וועלט – **"בראשית ברא אלקים את השמים ואת**

**הארץ"**[2] – איז פאַרשטאַנדיק, אַז די גאַנצע וועלט דאַרף מכבד זיין דעם אויבערשטנ'ס סאָלדאַטן, און פירן זיך לויטן רצון פון זייער באַשעפער!

קומט אויס, אַז אידישע קינדער פון "צבאות השם" זיינען ענלעך צו אַ "קאָפּ" וואָס פירט אָן מיט אַלע טיילן פון קערפּער – ווייל זיי זיינען דעם אויבערשטנ'ס סאָלדאַטן וואָס טרייבן אַוועק דעם יצר הרע פון דער וועלט און אַז אַלע זאָלן זיך פירן לויטן רצון פון יצר טוב, און אַזוי אַרום אַנטפּלעקן זיי די מלכות פון אויבערשטן אין דער גאַנצער וועלט!

(ב' דחול המועד סוכות תש"נ)

1) לקוטי תורה נצבים מז, א ואילך. ובכ"מ. 2) בראשית א, א - מה"י"ב פסוקים ומאמרי חז"ל".

## ראש השנה דאַרף מען אָנעמען אַ נייער הידור מצוה

**דער רבי דער שווער האט געזאגט, אז יעדער ראש השנה דארף מען עפעס מוסיף זיין בהידור מצוות עשה, בזהירות מלא תעשה ובהנהגה טובה.**

(לקוטי שיחות חלק ב ע' 683)